**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 3/22/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט עקאנאמישע אנטוויקלונג הילף פירנדיג צו מער פון 20 מיליאן דאלאר אין אינפראסטרוקטור אינוועסטירונגען און שטיצנדיג איבער 8,300 דזשאבס**

***NYPA באורד אָװ טראַסטיס שענקט ביליגע היידראָ-פּאוער פאר Amazon אין שטיצע פון 550 מיליאן דאלארדיגע מערב ניו יארק פארברייטערונג, שאפנדיג 1,000 נייע דזשאבס אין די טאון אָוו ניאגארא***

***באורד באשטעטיגט אויך עקאנאמישע אנטוויקלונג הילף פאר Micron אין צענטראל ניו יארק, פארשטערקערנדיג אפסטעיט ניו יארק'ס פארגעשריטענע מעניופעקטשורינג און סעמי-קאָנדאָקטער אינדוסטריע***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז די ניו יארק פאווער אויטאריטעט (New York Power Authority, NYPA) באורד אָוו טראַסטיס האט באשטעטיגט עקאנאמישע אנטוויקלונג הילף פאר 22 פירמעס וואס וועט שטיצן מער פון 20 ביליאן דאלאר אין אינפראסטרוקטור אינוועסטירונגען און שטיצן 8,336 דזשאבס — 3,930 פון זיי זייענדיג נייע דזשאבס. צווישן די באשטעטיגטע הילף געפונט זיך א צוטיילונג פון היידראָ-פּאווער פון דעם ניאגארא פראיעקט פאר Amazon – די וועלט'ס-גרעסטע ריטעיל געשעפט אויף די אינטערנעט – און א צוטיילונג פון עלעקטריציטעט דורך ReCharge NY פאר Micron — א פאראייניגטע שטאטן-באזירטע מעמארי און סטארעדזש מעניופעקטשורינג פירמע און די פערט-גרעסטע פראדוצירער פון סעמי-קאָנדאָקטערס אין די וועלט. די NYPA באורד האט אויך באשטעטיגט א צוטיילונג פון ביליגע היידראָ-פּאווער פאר די ווילעדזש אָוו גרין אין שענענגאָו קאונטי אין די סאוטערן טיער ראיאן, אונטער די פּאַוער אויטאריטעט'ס 'אינדוסטריאלע עקאנאמישע אנטוויקלונג' (Industrial Economic Development) פראגראם. ביליגע עלעקרטיציטעט דורך דעם ReCharge NY [פראגראם](#) איבערן סטעיט איז צוגעטיילט געווארן פאר די איבעריגע אפליקאנטן.א פולע ליסטע פון די היינטיגע ReCharge NY עלעקטריציטעט צוטיילונגען איז פארעפנטליכט [דא.](#)

"די טראנספארמאטיווע עקאנאמישע אנטוויקלונג הילף פאר Amazon, Micron און אנדערע ביזנעסער ארום די סטעיט וועט שאפן טויזנטע דזשאבס און אויפטרייבן ביליאנען אין עקאנאמישע אקטיוויטעט," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "ניו יארק זעצט פאר צו באפעסטיגן איר נאמען אלץ די מערסטע ביזנעס-פריינטליכע און ארבייטער-פריינטליכע סטעיט אינעם לאנד, בשעת'ן מאכן פארשריט פאר די אגרעסיווע ציהלן פון אונזער לאנד'ס-פירנדע קלימאט אגענדע — שאפנדיג א גרינערע און מער בליהענדע עמפייער סטעיט."

ביי די היינטיגע באגעגעניש האט די NYPA באורד באשטעטיגט כמעט 10.7 מעגאוואטס (MW) פון ביליגע היידראָ-פּאווער דורך דעם ניאגארא פּאווער פראיעקט פאר Amazon אין שטיצע פון די פירמע'ס קאנסטרוקציע פון א 550 מיליאן דאלארדיגע סחורה סטארעדזש און דיסטריביושען צענטער אין די טאון אָוו ניאגארא וואס וועט אננעמען, אוועקלייגן, איינפאקן און אויספילן ארדערס פון קונדן. דער פראיעקט

וועט פירן צו 1,000 נייע, קביעות'דיגע, פול-טיים דזשאבס ביי די איינריכטונג, אין צוגאב צו די הונדערטע נייע קאנסטרוקציע דזשאבס. ביליגע ניאגארא הײדראָו-קראפט איז דא צו באקומען פאר פירמעס אין די 30-מייל ראדיוס ארום די פאווער אויטאריטעט׳ס ניאגארא ענערגיע פראיעקט אדער ביזנעסער אין טשאטאקווא קאונטי. ניאגארא הײדראָו-קראפט איז פארבינדן צו צענדליגע טויזנטער עקזיסטירנדע דזשאבס אין דעם ראיאן.

די NYPA באורד האט אויך געשאנקען מער פון 150 MW פון ביליגע עלעקטריציטעט אונטער איר ReCharge NY פראגראם, אריינרעכענענדיג א צוטיילונג פון 140-MW אין ביליגע עלעקטריציטעט פאר Micron. אין צוגאב האט די NYPA באורד באשטעטיגט 404 MW פון 'היי לאָוד פעקטאר' עלעקטריציטעט וואס NYPA וועט פארשאפן פאר Micron אויף די ענערגיע מארקעט.

גאווערנער האקול האט צום ערשט אנאנסירט Micron's באשלוס צו בויען א נייע 'מעגאַפעב' פאבריק אין אָנאָנדאַגאַ קאונטי אין אקטאבער 2022. אין אויגוסט 2022 האט גאווערנער האקול אונטערגעשריבן די 'גרינע CHIPS' געזעץ – זייענדיג די ערשטע פון די סארט אינעם לאנד – מיט א ציהל צו שאפן נייע דזשאבס, אויפטרייבן עקאנאמישע וואוקס און צו היטן אויף וויכטיגע ענווייראמענטאלע שיצונגען, בשעת'ן מאכן ניו יארק פאר א צענטער פאר סעמי-קאָנדאָקטער מעניופעקטשורינג.

די איבעריגע צוטיילונגען פון ביליגע עלעקטריציטעט וועט געשיקט ווערן פאר פירמעס אין די הויפטשטאט דיסטריקט, פינגער לעיקס, סאוטערן טיער, נארט קאנטרי, ניו יארק סיטי, צענטראל ניו יארק, מערב ניו יארק, האָדסאן וואלי און לאנג איילענד.

**ניו יארק פאווער אויטאריטעט פארזיצער און באפעלאו איינוואוינער, דזשאן ר. קאָולמעל, האט געזאגט,** "די נאמען וואס דער ניאגארא הײדראָו-פאווער פראיעקט האט זיך געבויט איז געקניפט און געבינדן מיט די עקאנאמישע וואוקס און מעגליכקייט פון מערב ניו יארק צו קאנקורירן אויפן מארקעט. Amazon's אינוועסטירונג אין ניאגארא פאָלס וועט ארויפבויען אויף די נאמען, ברענגענדיג מער פון 1,000 נייע דזשאבס און גיבנדיג א שטופ פאר די ראיאנישע עקאנאמיע מיט אן אינוועסטירונג פון איבער א האלבע ביליאן דאלאר."

**ניו יארק פאווער אויטאריטעט צייטווייליגער פרעזידענט און CEO, דזשאָסטין ע. דריסקאל, האט געזאגט,** "Micron's היסטארישע אינוועסטירונג באפעסטיגט ניו יארק'ס סטאטוס אלץ א גלאבאלע פירער אין סעמי-קאָנדאָקטער מעניופעקטשורינג. דורכן איינשפאנען ריינע הײדראָו-פאווער, ציהט די פאווער אויטאריטעט צו די מארגנדיגע אינדוסטריעס צו אונזער סטעיט, ברענגנדיג טראנספארמאטיווע עקאנאמישע וואוקס וואס וועט לאזן א לאנג-בלייבנדע השפעה פאר צוקונפטיגע דורות פון ניו יארקער."

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פרעזידענט, CEO און קאמישאנער, האָופ נייט, האט געזאגט,** "די NYPA-באשטעטיגטע צוטיילונגען וועלן גיבן א שטופ פאר עקאנאמישע אנטוויקלונג אריבער ניו יארק סטעיט, ברענגנדיג מער דזשאבס און אינוועסטירונג. דורכן שטיצן Micron און אנדערע טראנספארמאטיווע פראיעקטן, טרייבן מיר אויף וואוקס און געלעגנהייט פאר אלע ניו יארקער."

די NYPA באורד אָוו טראָסטיס האט אויך היינט באשטעטיגט א צוטיילונג פון 250 קילאָוואַטס אין ביליגע הײדראָו-פאווער פאר די ווילעדזש אָוו גרין אין שענענגאָו קאונטי אין ניו יארק'ס סאוטערן טיער ראיאן, אונטער די פאַווער אויטאריטעט'ס אינדוסטריאלע עקאנאמישע אנטוויקלונג פראגראם.

Cocojune, א ניו יארק-באזירטע עסנווארג פירמע וואס ספעציאליזירט זיך אין פראדוקציע פון ארגאנישע קאקאסנוס יאגורט נוצנדיג פלאנצונג-באזירטע באשטאנדטיילן, וועט אויפבויען א נייע איינריכטונג אין די ווילעדזש אָוו גרין און עס אויסשטאטן מיט יאגורט-גיסנדע מאשינען און פעקעדזשינג עקוויפמענט. די

צוטיילונג פון הײדראָ-פּאַווער וואס איז באשטעטיגט געווארן ביי די היינטיגע באורד זיצונג וועט שטיצן Cocojune'ס פארברייטערונג, אויפטרייבנדיג כמעט $700,000 אין אינפראסטרוקטור אינוועסטירונג און שאפנדיג 24 נייע דזשאבס אין די ראיאן.

דער אינדוסטריאלע עקאנאמישע אנטוויקלונג פראגראם באשטייט פון 54 MW פון די איבער 768 MW פון הײדראָ-פּאַווער וואס איז צוגעטיילט געווארן פאר די 51 מוניציפאלע און שטעטלישע עלעקטריציטעט קאאפעראטיווע סיסטעמען ארום ניו יארק סטעיט. עלעקטריציטעט אונטער דעם פראגראם ווערט צוגעטיילט פאר איינציגווייזע מוניציפאלע סיסטעמען נאכצוקומען די העכערע פארלאנג פון עלעקטריציטעט וואס איז א רעזולטאט פון בארעכטיגטע נייע אדער פארברייטערטע ביזנעסער אין זייער סערוויס געגנט.

**ניו יארק'ס וואקסנדע סעמי-קאָנדאָקטער אינדוסטריע**

גאווערנער האקול האט אויך אנאנסירט 45 מיליאן דאלאר פאר GO SEMI – די נייע אפיס וואס איז אנאנסירט געווארן אין די 2023 'סטעיט אָוו די סטעיט' רעדע – קומענדיג נישט לאנג נאך Micron'ס היסטארישע אנאנס אז זיי וועלן אינוועסטירן 100 ביליאן דאלאר צו אויפבויען די וועלט'ס גרעסטע מעניופעקטשורינג פאבריק פון מעמארי טשיפּס אין קלעי, א שטאט אין אָנאָנדאַגאַ קאונטי, ניו יארק. די אינוועסטירונג איז געשאצו צו ברענגען ביז אזויפיל ווי 50,000 דזשאבס אין די צענטראל ניו יארק ראיאן, און עס איז ערמעגליכט געווארן דורך דעם פעדעראלן טשיפּס און וויסנשאפט געזעץ ( CHIPS and Science Act) און דורך ניו יארק'ס גרינע טשיפּס לעגיסלאציע (Green CHIPS) וואס די גאווערנער האט אונטערגעשריבן אין 2022. די נייע אפיס וועט אנגעפירט ווערן דורך עמפּייער סטעיט דעוועלאפּמענט, און די איינגעשטעלטע וועלן זיין עקספערטן פון די סטעיט דעפּארטמענט, די ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט ( Energy Research and Development Authority), די לעיבאר דעפּארטמענט, די טראנספּארטאציע דעפּארטמענט, די דעפּארטמענט פון ענווייראמענטאלע אפּהיטונג (Department of Environmental Conservation), NY CREATES (ניו יארק שאפט), די ניו יארק פּאווער אויטאריטעט (New York Power Authority), די אפיס פון היימער און קאמיוניטי רינוּעל (Homes and Community Renewal) און די סטעיט אוניווערסיטעט פון ניו יארק. GO SEMI וועט אנפירן און צענטראליזירן באמיאונגען צו דורכפירן דעם Micron פראיעקט; אנטוויקלען און פאראויסשטופן פאליסיס צו צוציהען די סעמי-קאָנדאָקטער אינדוסטריע און די פארבינדענע פראדוקטן; קאארדינירן ארבעטסקראפט אנטוויקלונג און קאמיוניטי אינוועסטירונגען צווישן לאקאלע, סטעיט, פעדעראלע און פריוואטע שותפים; אנפירן באמיאונגען צו שאפן, צוציהען און אנהאלטן די טרענירטע ארבעטסקראפט וואס איז נויטיג; און שטיצן ברייטע אנטוויקלונג קאנצענטרירט אויף קלוגע וואוקס פרינציפּן.

**ניו יארק סטעיט'ס לאנד'ס-פירנדע קלימאט פלאן**

ניו יארק סטעיט'ס לאנד'ס-פירנדע קלימאט אגענדע רופט פאר א מסודר'דיגע און יושר'דיגע אריבערגאנג צו ריינע ענערגיע אויף א פארנעם וואס שאפט נייע דזשאבס וועלכע ערמעגליכן ארבייטער צו אויסהאלטן א פאמיליע, עס זעצט פאר צו שטיצן א גרינע עקאנאמיע אין אלע סעקטארן און פארזיכערט אז צום וויניגסטנס 35 פראצענט – שטרעבנדיג צו 40 פראצענט – פון די בענעפיטן פון ריינע ענערגיע אינוועסטירונגען קומען אן צו שוואכערע קאמיוניטיס. ווערנדיג געוויזן די וועג דורך די לאנד'ס מערסט אגרעסיווע קלימאט און ריינע-ענערגיע אינציאטיוון, איז ניו יארק אויף די ריכטיגע רעלסן צו ערגרייכן אירע ציהל צו האבן אן עלעקטריציטעט סעקטאר פריי פון עמיסיעס ביז 2040, אריינרעכנענדיג צו אנקומען צו 70 פראצענט פון ריינע ענערגיע אויפטרייבונג ביז 2030, און צו אנקומען צו א קאַרבאן-נייטראלע עקאנאמיע ביז די מיטן פון די יאר-הונדערט. א גרונדשטיין פון די אריבערגאנג זענען ניו יארק'ס פרעצענדענטלאזע אינוועסטירונגען אין ריינע ענערגיע, אריינרעכנענדיג איבער 35 ביליאן דאלאר אין 120 גרויסארטיגע ריינע ענערגיע אויפטרייבונג און טראנסמישען פראיעקטן איבערן סטעיט, 6.8 ביליאן דאלאר צו רעדוצירן עמיסיעס פון געביידעס, 1.8 ביליאן דאלאר צו פארגרעסערן די מאס פון סאלאר ענערגיע, מער פון 1 ביליאן דאלאר פאר ריינע טראנספּארטאציע אינציאטיוון און איבער 1.8 ביליאן

דאלאר אין NY Green Bank (גרינע באנק) פארפליכטונגען. די און אנדערע אינוועסטירונגען שטיצן מער פון 165,000 דזשאבס אין ניו יארק'ס ריינע ענערגיע סעקטאר זינט 2021 און א 2,100 פראצענטיגע וואוקס אין די אינדוסטריע פון פריוואטע סאלאר באנוץ זינט 2011. כדי צו רעדוצירן שעדליכע גאז עמיסיעס און פארבעסערן די קוואליטעט פון די לופט, האט ניו יארק אריבערגעפירט עמיסיע-פרייע קארן רעגולאציעס, אריינרעכענענדיג די פאדערונג אז אלע נייע פאסאנזשיר קארן און טראקס וועלכע ווערן פארקויפט אין די סטעיט זאלן זיין פריי פון עמיסיעס ביז 2035. שותפות'ן זעצן פאר צו שטופן פאראויס ניו יארק'ס קלימאט שריט, מיט כמעט 400 רעגיסטרירטע און 100 סערטיפייד קלימאט-קלוגע קאמיוניטיס, כמעט 500 ריינע-ענערגיע קאמיוניטיס און די סטעיט'ס גרעסטע קאמיוניטי לופט נאכפאלגונג איניציאטיוו אין 10 שוואכערע קאמיוניטיס אריבער די סטעיט צו ציהלן לופט פארפעסטיגונג און באקעמפן קלימאט טויש.

**איבער NYPA**

NYPA איז דער גרעסטע סטעיט פובליק ענערגיע קראפט ארגאניזאציע אין דעם לאנד, און וועלכער אפערירט 16 דזשענערעיטינג פאסיליטיס און מער ווי 1,400 מייל פון טראנסמיסיע ליניעס מער ווי 80 פראצענט פון די עלעקטריק וועלכע NYPA פראדוצירט איז זויבערע רעניועבּל היידראָ-פּאַווער. NYPA נוצט גארנישט קיין טעקס געלט אדער סטעיט קרעדיט. אירע אפעראציעס ווערן פינאנצירט דורך דאס פארקויף פון באנדס און איינקונפט פארדינט אינגאנצן דורך פארקויפן עלעקטריק. פאר מער אינפארמאציע באזוכט www.nypa.gov און פאַלאָוט אונז אויף Twitter, Facebook, Instagram, Tumblr און LinkedIn.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו קאמער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן